Opłata poczowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראשען — הײַנט 10 זײַטען

# נײַער פאלקסבלאט

№ 100 | Łódź, Niedziela, 1 maj 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג, כ״ה ניסן תרצ״ב | № 100

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# אכזריות׳דיגע אנטיסעמיטישע עקסצעסן

## געגען יודישע אקאדעמיקער אויף דער ווינער אוניווערסיטעט

## כוליגאנעס טוו אויס נאקעט און פערפייניגען 7 יודישע סטודענטען

וויען, 30. (יט״א טעלעגראפיש). די נאצי־יאנאל-סאציאליסטען האבען געפייערט דעם וואוקסען די היטלעריסטישע שטימען אין עסטרייך, דורך נענייען די ווילדע אנטיסעמיטישע ארגיעס אויף די יודישע סטודענטען. די כוליגאנעס האבען פער־שפארט די יודישע סטודענטען אין איין צימער, און זיי מערדערליך געשלאגען, 7 יודישע סטודענ־טען זענען דערביי אויף אנ׳אכזריות׳דיגען אופן פערפייניגט געווארען, ביי פיל יודישע סטודענטען האבען די כוליגאנעס אראפגעריסען די קליידער און די שיך, כדי זיי זאלען נישט קענען עטלויפען. די, וואס האבען זיך געוואלט ראטעווען פון די מערדערישע הענד, האבען די ווילדע הימלעריסטען אראפגעווארפען פון די שטיגען פון דריטען שטאק.

אויך אין אנדערע הויכשולען, זענען יודישע אקאדעמיקער בלוטיג צעשלאגען געווארען.

פאצי גערהארד. נעכטען בייטאג האט צווישען פארל אויסגעבראכען א מחלוקה און אין רעזולטאט האט ג. ארויסגעכאפט א רעוואלווער און אויסגע־שאסען אויף זיין געליבטע און נאכדעם אין זיך אויך אריינגעשאסען.

אין א שווערען צושטאנד האט מען ביידען אפגעפיהרט אין שפיטאל.

## א בלוטיגע ליבעס־טראגעדיע אין טאמאשאוו

טאמאשאוו, 30. (טעלעפאניש) די 43-יעה־ריגע רויזע ל. א רייכע פרוי, האט געוואוינט אין טאמאשאוו, צוזאמען מיט איהר געליבטען באני־

דער יודישער פליישער־פעראיין

(פיעטריק. 24) פאדערט אויף אלע מיט־גלידער אנטיילצונעהמען אין דער לויה פון אונזער פערשטארבענעם מיטגליד

נ״ע

ישעיה יחיאל ווייסקאפף

וואס קומט פאר היינט, זונטאג, דעם 1-טען מאי 1932, 1 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז, נאפיורקאווסקיעגא 3, כדי אבצוגעבען דעם פערשטארבענעם דעם לעצטען כבוד. די פערוואלטונג.

# די טערקישע דעלעגאציע אין מאסקווע

מאסקווע, 30 (ספ.) די טערקישע דעלע־גאציע איז ביי איהר אנקומען אויפ׳ן מאסקווער וואקזאל בעגעגענט געווארען מיט גרויס כבוד דורך א רייהע הויכע סאוויעט-בעאמטע. דער וועג צו דער ווילע, וואס איז בעשטימט געווארען אלס א דירה פאר׳ן טערקישען פרעמיער, פאר׳ן טער־קישען אויסערן-מיניסטער און דער גאנצער סוויטע זייערע, איז דעקארירט געווען מיט טערקישע און סאוויעטישע פלאגען.

די אפיציעלע אויפנאמע פון דער דעלעגאציע דארף פארקומען אין קרעמל. דער פארזיצער פון דער סאוויעטישער רעגירונג (ראט פון פאלקס־קאמיסארען) מאלאטאוו האט צו דער אויפנאמע איינגעלאדען דעם גאנצען דיפלאמאטישען קארפוס (די פערטרעטער פון די אויסלענדישע מלוכות) און די קארעספאנדענטען פון דער אויסלענדישער פרעסע.

די סאוויעטישע פרעסע שטרייכט אונטער, אז די פריינדשאפט, וואס איז מיט 12 יאהר צו־ריק געשלאסען געווארען צווישען טערקיי און די סאוויעטען, איז באזירט אויף געמיינזאמע, זעהר וויכטיגע אינטערעסען. די אינטערעסען פון ראטען־פערבאנד און טערקיי אין דער אויסערן-פאליטיק פאלען זיך אינגאנצען צוזאמען און זענען א מעכ־טיגער פאקטאר פון שלום. אין 1931 האט ליטווי־נאוו (דער קאמיסאר פאר אויסלענדישע ענינים) בעזוכט אנגארע (די הויפט-שטאט פון טערקיי) און האט דורך דעם נאכאמאל בעשטעטיגט די פריינד־שאפט. דער אפמאך איז פערלענגערט געווארען אויף נייע 5 יאהר. די געגענזייטיגע ווירטשאפט־ליכע בעציהונגען וואקסען.

## יאפאניש מיליטער אויפ׳ן מאנדזשורער פראנט

לאנדאן, 30 (ספ. טעל.) אין קאבע און אין אסאקא האט מען היינט אראפגעלאזען מילי־טער, וואס איז בעשטימט אויפ׳ן מאנדזשורער פראנט.

אין משך פון דער וואך וועט מען ארויס־שיקען 30,000 זעלנער.




ASEKURACJA ■ פערזיכערונגען

פון פאבריקען געגען פייער, אלער ארט סחורה־לאגערן געגען פייער און גנבה.

וואוינונגען געגען פייער און גנבה

ווי אויך טראנספארט־פערזיכערונגען פיהרט אויס רעעל און פינקטליך אויף גינסטיגע בעדינגונגען

מרדכי חיים רומקאווסקי

קילינסקיעגא 105, טעל. 50-112.

2661

36 טוך־ און קארט־לאגער 36

Bcia A. i R. MILGROM

fr., I piętro PIOTRKOWSKA 36 telef. 225-95

מיר עמפפעהלען צום פריהלינג און זומער־סעזאן

די נייעסטע אנציגער און פאלטא־שטאפן

פון די בעסטע ביליצער, טאמאשאווער און לעאנארד׳ס, ווי אויך דאמען־מענטעל

גרויסער אויסוואהל!

36 הורט און דעטייל! ■ ביליגע פרייזען! 36

